# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת קדושים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 430



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### דער רצון ביי א קרבן און תפילה איז דער ציל

**"וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח שְׁלָמִים לַה' לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ"** (ויקרא יט ה)

**רבי צדוק הכהן מלובלין זאגט:**

דער קרבן איז נישט קיין מטרה פאר זיך, ווייל הקב"ה דארף דאך נישט די קרבנות אליין. דער הויפט ציל פון ברענגען א קרבן איז דער רצון און גלוסטעניש פון דער מענטש צו ברענגען א קרבן פארן באשעפער, דער רצון איז גורם נחת רוח פארן באשעפער (ראה רמב"ם 'מורה נבוכים' ג לו). דאס איז די כוונה פון די חז"ל וואס דרש'ענען אין ענדע מסכת מנחות (קי א): "שמא תאמר לאכילה הוא צריך, תלמוד לומר (תהלים נ יב): 'אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ כִּי לִי תֵבֵל וּמְלֹאָהּ'... לא אמרתי אליכם 'זבחו' כדי שתאמר אעשה רצונו ויעשה רצוני, לא לרצוני אתם זובחים **אלא לרצונכם אתם זובחים**, שנאמר: "לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ".

דער יסוד איז אויך בנוגע צו תפילה וואס קומט אנשטאט די קרבנות; הקב"ה דארף נישט די תפילה אליין; נאר די רצון און גלוסטעניש וואס דער מענטש האט צו דאווענען פאר אים.

'צדקת הצדיק' אות מב

### 'לא תעמוד על דם רעך' - אפילו אויף א חוטא

**"לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'"** (יט טז)

**רבי גרשון ליטש-רויזנבוים בעל שו"ת 'משיב דברים' טייטש:**

אין די פסוקים ווענדט זיך די תורה צו דעם מענטש און זאגט אים: אויך ווען דו ווייסט אויף א זינדיגער וואס איז קראנק; "לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ" - צו זאגן אז זיין קראנקייט קומט אים אלס עונש אויף זיינע זינד און ווען דעם וועסטו זיך אפהאלטן פון צו דאווענען אויף אים, נאר: "לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ" - שטעל דיך דאווענען אויף זיין רפואה, ווייל "אֲנִי ה'" איך בין א רחום וחנון אפילו אויף זינדיגע.

'אמרות ה'' בסוף הפרשה

### 'את מקדשי תיראו' - אויך נישט בשעת'ן דאווענען

**"אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי ה'"** (יט ל)

איינמאל האט **רבי יהודה צדקה** ראש ישיבת 'פורת יוסף' באמעקרט א מודעה וואס איינער האט אויפגעהאנגען אין שול און דארט שטייט: "נא לא לדבר בבית הכנסת בשעת התפילה וקריאת התורה".

דער ראש הישיבה האט ארויסגעברענגט זיין ווייטאג הויעך, ווייל עס זעט אויס פון דעם נוסח אז דער איסור צו רעדן אין שול איז נאר בשעת'ן דאווענען, און עס שטייט דאך אין פסוק: "את מקדשי תיראו" - סיי בשעת'ן דאווענען און סיי נישט בשעת'ן דאווענען. ער האט ארויסגענומען זיין פעדער און צוגעשריבן צוויי ווערטער: "נא לא לדבר בבית הכנסת **כלל**, ובפרט בשעת התפילה וקריאת התורה".

'וזאת ליהודה' עמ' 192

### זיך ווענדן צו צדיקים אנשטאט צו מכשפים

**"אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֹבֹת וְאֶל הַיִּדְּעֹנִים אַל תְּבַקְשׁוּ לְטָמְאָה בָהֶם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם; מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'"** (יט לא-לב).

**אזוי טייטש דער הנצי"ב פון וואלאזשין די סמיכות פון די פסוקים:**

די וואס ווענדן זיך "אֶל הָאֹבֹת וְאֶל הַיִּדְּעֹנִים" טון דאס כדי זיי צו פרעגן אין זייערע פריוואטע ענינים וואס עס פעלט זיי אויס, כדי זיי זאלן מצליח זיין. דעריבער נעבן די איסור שרייבט די תורה די מצוה "מפני שיבה תקום והדרת פני זקן", צוזאגן: אנשטאט זינקען אין טומאה און כישוף, איז ענדערשט זיך מדבק זיין אין די חכמי התורה, און אויב חלילה עס וועט קומען אויף אים א צרה, צוליב זיין נאנטשאפט צו זיי וועלן זיי דאווענען אויף אים, און א תפילה פון א תלמיד חכם ווערט געהערט אין הימל.

'העמק דבר'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'מי שברך... ונאמר אמן!'

מיר האבן אפשר נישט באמערקט, אבער יעדן שבת באזונדער, ביי קריאת התורה - אין די צייט פון 'בין גברא לגברא', האבן מיר א שיינע צאל 'אמן'ס'; דאס זענען די זעכצן 'אמן'ס' אויף די ברכות פון די וואס זענען עולה צו די תורה, פאר און נאכן ליינען, אבער אויסער דעם, ווארט אויף אונז א באזונדערע אוצר פון אסאך אנדערע 'אמן'ס'. און דאס איז דערנאך די 'מי שברך' וואס דער גבאי זאגט, אסאך מאל, יעדער פלאץ און לויט זיין מנהג.

יא! אויך ענטפערן אמן נאך א 'מי שברך' איז א חיוב גמור. נישט אומזינסט האט מען קובע געווען מען זאל זאגן ביי די ענדע: "ונאמר אמן"! דער משנה ברורה (רטו, ט) שרייבט: "עס שטייט אין מדרש, ווען איינער הערט ווי א צווייטער דאוונט אויף עפעס אדער ער וואונטש איינעם אן, אפילו אן דערמאנען דעם אויבירשטנ'ס נאמען, דארף ער ענטפערן אמן". נישט נאר דעס, נאר ענטפערן 'אמן' נאך א מי שברך איז אויך א מצות עשה פון "ואהבת לרעך כמוך", וואס שטייט אין אונזער פרשה (ערוך השולחן או"ח רטו ט).

און נאך א חשובע נקודה; ווען מיר זאגן נעבן די ספר תורה א 'מי שברך' פאר א חולה, איז דאס ענטפערן 'אמן' זייער וויכטיג, ווייל ווען אלע מתפללים ענטפערן 'אמן' ווערט די 'מי שברך' ווי א 'תפילת רבים' וואס האט א גרויסן כח צו ברענגען א רפואה פאר די קראנקע. און אלגעמיין, יעדע ברכה, וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן, באקומט עס א שטארקערן כח עס זאל פארווירקליכט ווערן איר וואונטש.

ווי וואונדערליך איז צו זען אז עס זענען דא אסאך וואס ווען מען זאגט א 'מי שברך' בכלל, און 'מי שברך' פאר א חולה בפרט, שמועסן זיי און ענטפערן נישט 'אמן', אדער מורמלען זיי עס אפ אן אויפמערקזאמקייט. ווי קען מען איגנארירן דעם שטילן געשריי פון דעם קראנקן וואס מוטשעט זיך אין זיין קראנקן-בעט, און צום וויינגסטנס זיך נישט משתתף זיין אין ענטפערן 'אמן' נאך דעם 'מי שברך' וואס ווערט געזאגט פאר אים?!

קיינער ווייסט נישט וואס ערווארטעט אים יעדן טאג, קיינער ווייסט נישט וואס עס גייט פאר אין זיין קערפער אין דעם יעצטיגן מינוט, מיט איין קליין ווארט וואס מיר זאגן קענען מיר זיין פון די וואס זענען 'מתפלל על חבירו' וואס האט די צוזאג פון: "הוא נענה תחילה", און דאס איז אויסער די מעלה פון ענטפערן 'אמן'.

און אויסער דעם איז באקאנט וואס די קדמונים האבן אנטדעקט אז ביי די סדר א"ב די אותיות וואס זענען נאך 'אמן' איז 'בנס', אונז צו לערנען אז נאך 'אמן' קומט דער 'נס', און ווער דארף דען דעם נס מער פון דער פאציענט. אויב מיר אלע וועלן מקפיד זיין צו ענטפערן 'אמן' נאכן 'מי שברך' וועט ער זיכער צו דעם זוכה זיין, אזוי אויך די אנדערע וואס ווערן אנגעוואונטשן אין די 'מי שברך'ס', פאר שמחות, נחת און אלעס גוט'ס - אמן!

**דער וואס ענטפערט אמן אויף א "מי שברך" ווערט געבענטש**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# פינף טויזנט קבלות מיט איין 'מי שברך'

די אינטערעסאנטע געשיכטע וואס איז פאר אייך האט אונז דערציילט דער בעל המעשה, הרה"ג ר' מאיר אזרזר, דער רב פון דער אידישער קהילה אין האנג קאנג, נאך באקומען ווארימע גריסן אויף די ערציילונג וואס מיר האבן דא מפרסן געווען מיט עטליכע חדשים צוריק וועגן די ישועה למעלה מדרך הטבע וואס זיין זון האט זוכה געווען, ווען די דאקטורים האבן זיך שוין מייאש געווען פון זיין פינגער, און אין זכות הרבים וואס האבן זיך אונטערגענומען נישט רעדן ביים דאווענען איז די פינגער אויסגעהיילט געווארן.

אין זיינע ווערטער האט אונז הרב אזרזר דערציילט נאך א מעשה, וואס איז פארגעקומען מיט אים, און עס איז אויך פארבינדן צו דער ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען, וואס דעם סוד איבער זיין גרויסן כח האט ער אנטפלעקט דורך די ישועה פון זיין זון.

"דאס איז געווען מיט צוויי און א האלב יאר צוריק, איך בין געווען אין ניו יארק אין די ראם פון איבערגעבן דרשות אונטער די "ערכים" ארגאניזאציע, אין וואס איך ארבעט. ביי די ענדע פון איינע פון מיינע דרשות האב איך מיטגעטיילט די אנוועזנדע מיט א נייעם און ספעציעלן 'קירוב' פראיעקט, וואס איך פלאן צו גרינדן אינעם ווייטן מזרח, ספעציעל פאר די צענדליגער טויזנטער אידן וואס קומען אן אין די דאזיגע לענדער.

צומארגנ'ס האט מיך אנגערופן איינער פון די באטייליגטע ביי די דרשה, א ביזנעסמאן וואס איך


ציון פון "בעל התוספות יום טוב"

האב אים געקענט צוליב זיינע אפטע באזוכן אין האנג קאנג, און האט מיך איבערראשט מיט'ן זאגן: "איך האב שוין אפגעשמועסט פאר דיר א זיצונג מיט'ן נגיד פון 'קירוב', הרב אהרן וואלפסאן הי"ו, דו זאלסט זען צו זיין אין מאנהעטן אין זיין אפיס היינט נאכמיטאג פונקט אין פיר אזייגער".

איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן פון גרויס פרייד. איך האב אסאך געהערט וועגן דעם טייערן איד וואס אינוועסטירט ריזיגע געלטער אין דער וועלט פון 'קירוב', איך בין גרייט געווען צו פארן ספעציעל פון ארץ ישראל אים צו טרעפן, און דא האט מען פון הימל פאר מיר ערלעדיגט דעם באזוך...

איך בין שוין געווען אין זיין אפיס עטליכע מינוט פריער. צוליב דעם וואס איך האב זיך נישט געגרייט פון פאראויס, האב איך בשעת'ן ווארטן פרובירט אויסשטעלן ביי מיר אין קאפ די ענינים וואס זענען וויכטיג געווען פאר מיר ארויפברענגען ביים שמועס, אבער דאן האט מען מיך איבערגעריסן מיט א טעלעפאן רוף. די נאמען וואס האט זיך אויפגעשריבן האט געצייגט אויף א חשוב'ן בחור וואס איך האב זוכה געווען מקרב זיין פאר נישט ווייניג יארן צוריק אין האנג קאנג, און יעצט איז ער א ביזנעסמאן וואס וואוינט אין ארץ ישראל.

איך האב נישט געטראכט אויפהייבן אבער ער האט נישט נאכגעלאזט און אומוועלנדיג האב איך אויפגעהויבן. מיט צוויי און א האלב יאר צוריק האב איך זוכה געווען אים חתונה מאכן, און דער קשר צווישן אונז האלט נאך אן ביזן היינטיגן טאג.

דער מענטש פון די אנדערע זייט ליין האט קוים געקענט רעדן. "כבוד הרב", האט ער מיר געזאגט מיט א קול געשטיקט פון געוויין, "מען האט אנטפלעקט ביי מיין ווייב די ביטערע קראנקייט ליידער אין זייער א ערנסטן צושטאנד. די דאקטורים זאגן אז זי האט נאך פינף און פערציג טעג צו לעבן. וואס טוט מען??".

איך בין שטארק צובראכן געווארן, אבער איך האב נישט געקענט רעדן לאנג, און פון הימל האט מען אריינגעלייגט ווערטער אין מיין מויל און איך האב אים געזאגט: 'צום ערשט, דעם קומענדיגן שבת גייסטו אין שול מיט דיין קליין טאכטער'ל, קלאפסט אויף דער בימה און זאגט פאר די מתפללים: 'אויב איר ווילט אז דאס מיידל זאל נישט ווערן א יתומה, זייט זיך מקבל נישט רעדן ביים דאווענען לזכות פון מיין ווייב 'רבקה אסתר בת נעמי'!'. מיטן הילף פון באשעפער, ווען איך וועל צוריקקומען קיין ארץ ישראל, וועלן מיר צוזאמען טראכטן וואס ווייטער צו טון'.

גלייך דערנאך בין איך אריין צו דער זיצונג. ווי עס זעט אויס דערנאך די שמועס האט זיך אנגעזען אויף מיין פנים א צער און הרב וואלפסאן האט זיך אינטערעסירט אין דעם. איך האב אים דערציילט אין קורצן וועגן דעם טעלעפאן וואס איך האב יעצט באקומען. פון דעם האט ער פארשטאנען דעם קשר וואס מיר האבן זוכה געווען צו בויען מיט די פילע 'קירוב' אידן וואס ווערן דערנענטערט דורך אונזערע אקטיוויטעטן אין דעם ווייטן מזרח. דאס האט אים געכאפט זיין הארץ און אויפן ארט האט ער צוגעזאגט א ריזיגע סומע לטובת די אויפבוי פון דעם פראיעקט. דאס איז געווען א וואונדערליכע השגחה פרטית וואס איך צו דעם זוכה געווען נאר בדרך אגב.

באלד ווען איך בין צוריק קיין ארץ ישראל, איז דער מענטש אריבערגעקומען צו מיר. אונז האבן מיר גערעדט א לאנגע צייט און ביים די ענדע פון די שמועס, האבן מיר צוזאמען באשלאסן צו דרוקן נאך אין דעם טאג פינף טויזנט שטרי קבלה, נישט צו רעדן ביים דאווענען, און צוזאמען אנגעהויבן דעם חתימה-קאמפיין. דער מענטש האט זייער ערנסט אנגענומען דעם ענין; פון יענעם טאג האט ער אפגעלאזט זיין געשעפט און געווידמעט זיין גאנצע צייט צו דערגרייכן דעם ציל.

יעדן טאג איז ער געגאנגען פון שול צו שול, אן זיך שעמען האט ער דערציילט פאר די מתפללים אז זיין ווייב האט נאר אזויפיל און אזויפיל טעג צום לעבן, ער האט געטיילט די שטרות און געבעטן זיי זאלן אונטערשרייבן. צווישן אנדערע איז ער אריין צו מרן ראש הישיבה, הגר"ג אדלשטיין שליט"א, וועלכער איז זייער נתפעל געווארן פון דעם געדאנק און האט אים באפוילן ער זאל אויך פאר'חתמ'ענען די אלע בני הישיבה. נאך בערך צוויי וואכן האט ער מיך אינפארמירט אז מיט הצלחה האט ער דערגרייכט דעם ציל; די שטרות זענען פאר'חתמ'עט און יעצט איז נאר געבליבן צו האפן אויף א ישועה.

דריי וואכן שפעטער, אין א זונטאג'דיגן טאג, איז געווען געפלאנט צו פליען צו דעם ווייטן מזרח אויפצושטעלן דעם פראיעקט, וואס האט געהאט די ברייטע שטיצע פונעם נגיד ר' אהרן וואלפסאן. איך האט אויסגעשטעלט א פולן פלאן פון אסאך מיטונגען וועגן דעם טעמע, אבער דעמאלטס האט דער רייזע אגענט מיך גערופן און דערציילט מיט ווייטאג אז די רייזע איז בטל געווארן צוליב די דעמאנסטראציעס וואס זענען פארגעקומען אין יענע צייט אין האנג קאנג, און די שפאנונג וואס איז געשאפן געווארן אין די לאנד.

טראץ די שוועריגקייט האב איך מקבל געווען אויף מיר דעם דין באהבה. און אט, א האלבע שעה שפעטער רופט מיך אן צו דער מנכ"ל פון ערכים הרב יוסף ווליס שיחי', און בעט מיר איך זאל מיטפארן אויף א רייזע קיין פוילן וואס פארט ארויס היינט נאכט, און איך זאל רעדן אויפן וועג אין ראם פון די 'ערכים' ארגאניזאציע, אזוי האט מען פון הימל צוגעפירט אז אנשטאט איז זאל פארן אויף מזרח בין איך געפארן אויף מערב...

די נסיעה איז געווען וואונדערליך און ערשיטערט אין א וועג וואס איז שווער צו שילדערן אין ווערטער. אין ענדע זענען מיר אנגעקומען קיין קראקא און צווישן אנדערע האבן מיר זיך משתטח געווען אויפן ציון פון בעל תוספות יום טוב, רבי יום טוב ליפמאן העליר זצ"ל.

אן איך זאל זיך צו גרייטן צו דעם, האט מיך הרב ווליס מכבד געווען צו רעדן. איך האב אנגעהויבן רעדן אויף דעם כח התפילה, און מיטאמאל האב איך זיך געכאפט; מיר זענען דאך דא אויפן קבר פונעם תוספות יום טוב, דער וואס אין די שרעקליכע גזירות אין די יארן פון ת"ח און ת"ט איז אים אנטפלעקט געווארן אין חלום אז די אומגליק קומט אויף כלל ישראל צוליב דעם וואס מען געבט נישט אכטונג פון שמועסן בשעת דאווענען, און צוליב דעם האט ער מתקן געווען דעם באקאנטן 'מי שברך' אין וועלכע ער וואונטש וואונדערליכע ברכות און א שמירה פאר די וואס זענען מקבל אויף זיך אכטונג געבן נישט שמועסן ביים דאווענען.

וויבאלד די התרגשות פון די אנוועזנדע איז געווען גאר שטארק, האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיט טרערן געשריגן אנטקעגן די הייליגע מצבה:

"רבינו הגדול, דו האסט דאך צוגעזאגט, אז דער וואס נעמט זיך אונטער נישט צו רעדן ביים דאווענען, וועט זוכה זיין צו א שמירה מכל נגע ומחלה, עס איז דא א פרוי אין ארץ הקודש מיטן נאמען 'רבקה אסתר בת נעמי', וואס פינף טויזנט אידן האבן אונטערגעשריבן צוליב איר רפואה נישט רעדן ביים דאווענען, ביטע זעה אין הימל זי זאל האבן א רפואה!"

ס'איז שווער צו באשרייבן מיט ווערטער די התרגשות וואס איז געווען צווישן די אנוועזנדע. זיי אלע האבן געענטפערט אמן מיט כוונה און זיך אויך מקבל געווען די אויבנדערמאנע קבלה אויף די רפואה פון די פרוי. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, האט מען מיר אינפארמירט, אז בחסדי ה', קעגן אלע שאנסן, איז דער מצב פון די קראנקע פארבעסערט געווארן.

היינט, צוויי און א האלב יאר נאך דער געשיכטע קען מען זאגן אז שוין א לאנגע צייט, בחסדי שמים, וואס די פרוי געזונט און שטארק. דא האב איך ווידער באקומען א ריכטיגע לעקציע אין די כח פון די באזונדערע קבלה טובה.

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה פון 'ספירת העומר'

### די מצוה און די ברכה

די תורה האט באפוילן ציילן נין און פערציג טעג, אנגעהויבן פון דעם צווייטן טאג פון יו"ט פסח - ט"ז ניסן. די תורה איז מייחס די ציילן צום קרבן עומר וואס מען האט מקריב געווען ט"ז ניסן, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא כג טו): "וספרתם לכם ממחרת השבת **מיום הביאכם את עומר התנופה** שבע שבתות תמימות תהיינה", און וועגן דעם ביי דער נוסח פון ציילן דערמאנען מיר די טעג אין באציאונג צום קרבן עומר (ראה ספר החינוך מצוה שו). אויך דער נוסח הברכה וואס די חכמים האבן מתקן געווען אויף די מצוה איז: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על ספירת העומר" (רמב"ם תמידין ומוספין ז כה).

בזמן הזה וואס מען איז נישט מקריב דעם קרבן עומר, קריגן זיך ארום די ראשונים צי די מצוה איז מדין תורה, אדער עס איז נאר א תקנת חכמים (ראה 'ביאור הלכה' תפט א). פון דעסוועגן, אויך די וואס האלטן אז ספירת העומר בזמן הזה איז מדרבנן, דארף מען זאגן אויף דעם א ברכה אזוי ווי אויף אנדערע מצוות דרבנן, ווי 'נר חנוכה' און 'מקרא מגילה' (שו"ת הרשב"א ח"ג סי' רפד).

### די באדייט פון 'ספירת העומר'

ווי געזאגט דער נוסח הברכה אויף די מצוה איז: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על ספירת העומר". די ווערטער "ספירת העומר", קען מען נישט טייטשן פשוט'ערהייט ווייל מען ציילט דאך נישט דעם קרבן עומר, נאר דער טייטש איז: ציילן די טעג פון דער טאג וואס מען ברענגט דעם קרבן עומר און ווייטער. די חכמים האבן אנגעכאפט דעם לשון, ווייל דערמאנען די מצוה אויף א קלארן וועג וואלט צוגעברענגט מען זאל זאגן א לאנגן לשון ('מאירי' פסחים קכא ב).

עס זענען דא וואס האלטן אז מען צוזאמשטעלן דאס ציילן מיט די ברכה, און אזוי זאגן: "וציונו על ספירת העומר שהיום... לעומר" (רוקח סי' רצד; מרדכי מגילה ב תתג. לויט די שיטה ווערט דערמאנט די מצוה אין די ברכה). אבער להלכה שרייבט דער 'מגן אברהם' (תפט ה) מען זאל נישט טון אזוי, נאר נאכן ענדיגן די ברכה, זאל מען מקיים זיין די מצוה פון ציילן מיטן זאגן: 'היום... לעומר'.

### דער נוסח הברכה

אין דער נוסח פון ברכות המצוות טרעפן מיר צוויי נוסחאות. עס זענען דא מצוות וואס מען זאגט אויף זיי דעם לשון "על..." און עס זענען דא מצוות וואס מען זאגט ביי זיי דער לשון "ל...". דער רמב"ן (פסחים ז א) האט ערקלערט אז מצוות וואס דער מענטש דארף זיי אליין מקיים זיין און נישט דורך א שליח, אזוי ווי די מצוה פון ציצית און תפילין, זאגט מען די ברכה מיט א "ל...", דאקעגן אזעלעכע מצוות וואס מען קען מקיים זיין דורך א שליח אזוי ווי די מצוה פון מילה און שחיטה זאגט מען "על".

אין באציאונג צו די מצוה קריגן זיך די פוסקים צי מען איז יוצא די מצוה דורך הערן פון א צווייטן אלס דער דין "שומע כעונה", אדער יעדער דארף אליין ציילן (ראה 'משנה ברורה' תפט ה ו'ביאור הלכה' שם). לכאורה, לויט די וואס האלטן אז מען קען נישט מקיים זיין אט די מצוה דורך א צווייטן, פארוואס זאגט מען די ברכה "וציונו **על** ספירת העומר"?

דער רא"ש (פסחים א י) ערקלערט אז ווייל דער מנהג איז אז דער שליח ציבור זאגט די ברכה הויעך, און איז מוציא מיט דעם די וואס קענען נישט אליין, וועגן דעם ווערט די מצוה גערעכנט ווי א מצוה וואס קען יא מקויים ווערן דורך אנדערע און מען האט מתקן געווען זאגן דעם נוסח 'על'.

נאך ערקלערט דער 'מאירי' (שם): בזמן הזה וואס מען איז נישט מקריב דעם עומר, איז די מצוה נישט מן התורה, נאר אלס תקנת חכמים - 'זכר למקדש'. און ווייל דער עיקר קיום המצוה איז געווען בזמן הבית, ווערט עס גערעכנט בזמן הזה ווי א מצוה וואס איז נישט קיין חוב עס מקיים זיין, וועגן דעם זאגט מען "על...".

### יעדן טאג א ברכה

די ראשונים קריגן זיך ארום צי דאס ציילן יעדן טאג איז א עקסטערע מצוה. עס זענען דא וואס האלטן אז ציילן די אלע טעג איז איין מצוה, און ביים ציילן יעדן טאג איז דער מענטש מקיים א חלק פון די מצוה ביזן עס ענדיגן אין דעם נין און פערציג'סטן טאג (ספר החינוך שם; שו"ת מהרלב"ח סב). אבער עס זענען דא וואס קריגן זיך און האלטן אז דאס ציילן יעדן טאג איז א עקסטערע מצוה (רא"ש פסחים י מא; 'שבולי הלקט' רלד).

אויך די וואס האלטן אז מיטן ציילן יעדן טאג איז מען מקיים נאר א חלק פון די מצוה, האבן די חכמים מתקן געווען זאגן א ברכה יעדן טאג פון די 'ספירה-טעג', ווייל די ברכה איז נישט אנגעהאנגען אין ענדיגן די מצוה, נאר מען דארף זאגן א ברכה אויף יעדע חלק פון די מצוה. ווייל די תורה האט צוטיילט די וועג פון מקיים זיין די מצוה אויף נין און פערציג טעג, און דער מענטש קען נישט מקיים זיין די גאנצע מצוה אויפאמאל (שו"ת 'בצל החכמה' ח"ה או"ח סי' מה).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

### ברכות הנהנין מן התורה – וויאזוי קען דאס זיין?

"וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִת יִהְיֶה כָּל פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַה'" (יט כד)

פון דעם וואס די תורה כאפט אן אין באציאונג צו פירות 'נטע רבעי': "הִלּוּלִים לַה'" - מיט א לשון רבים, לערנען די חכמים (ברכות לה א, ע"פ מלבי"ם כאן) אז אויף פירות 'נטע רבעי' [און מעשר שני] איז פאראן א חוב מן התורה צו זאגן "שני הלולים", ד.מ. צוויי ברכות - איינס פארן עסן און איינס נאכדעם. פון דא האבן די חכמים א אסמכתא צו זייער תקנה צו זאגן אויף יעדע עסנווארג צוויי ברכות - איינס פארן עסן און איינס נאכדעם.

לויט דעם ערקלערט דער **מלבי"ם** וואס עס שטייט ביי די 'וידוי מעשרות' (דברים כו יג): "וְלֹא שָׁכָחְתִּי", ערקלערן די חכמים (מעשר שני ה יא): "לא שכחתי מלברכך ומלהזכיר שמך עליו". די מפרשים פרעגן אויף דעם, דער חיוב צו זאגן א ברכה אויף פירות איז מדרבנן, איז וויאזוי קען מען טייטשן די ווערטער "ולא שכחתי" וואס שטייט אין תורה אויף א חיוב דרבנן? אבער לויט ווי אויבן געזאגט קען מען זאגן אז דער וידוי באציט זיך דאך אויף מעשר שני און נטע רבעי' וואס דער חיוב ברכות הנהנין אויף זיי איז מדאורייתא.

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### אמן פון די פמליא של מעלה

אין די תקופה וואס רבי איציקל לאנצהוטער, וואס מיט יארן שפעטער איז באקאנט געווארן מיטן טיטול 'חוזה מלובלין', האט געלערנט אין די ישיבה פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, פלעגט ער יעדן אינדערפרי זאגן די ברכות השחר פאר זיין רבי, און זיין רבי פלעגט ענטפערן נאך אים אמן. ווען די תלמידים פון רבי ר' שמעלקא האבן געפרעגט פארוואס פונקט רבי יעקב יצחק האט זוכה געווען אז דער רבי זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, האט ער געענטפערט: "אויף זיינע ברכות ענטפערן אמן די גאנצע פמליא של מעלה...?!" ('שמן הטוב' [פיעטרקוב תרס"ה] ח"ב אות כה). ווען דער 'חוזה' איז שוין געווען רבי האט ער מקפיד געווען צו רופן א קינד פארן זאגן די ברכות השחר וואס זאל ענטפערן אמן נאך די ברכות ('שמועות טובות' [בילגורי תרפ"ז] שיחות וסיפורים)

### שתרגילנו צו ענטפערן אמן

רבי אליהו דוד ראבינאוויטץ-תאומים, דער אדר"ת, אין זיין שילדערונג זיין זהירות און זריזות מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, האט ער באזונדער אנגעצייכנט זיין הקפדה אויף ענטפערן אמן נאך 'ברכות השחר', און אזוי שרייבט ער: "איך בין זייער שטארק געווארנט געווען צו ענטפערן אמן נאך פון מיין יוגנט, און איך האב ליב און לויף מיט א אויסערגעווענליכן ליבשאפט צו די מצוה. אזוי ווייט אז עס איז כמעט ווי מיין אייגענע נאטור, איך האב זיך איינגעוואוינט צו הערן יעדן טאג די ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און יעדער וואס זעהט זאל זיך אפלערנען פון מיר ליב האבן צו ענטפערן אמן, וואס אמאל האט מען אין דעם גרינגגעשעצט, און מ'האט נישט געהאלטן טייער די מצוה, איז דען ווייניג וואס חז"ל זאגן אזוי געוואלדיג אין איר חשיבות?! און אויף דעם גרינגן וועג קען יעדער זיך איינקויפן עולם הבא, מקיים זיין הונדערטער מצוות יעדן טאג, גרינג אן קיין שוועריקייט" ('נפש דוד' אות לד).

### ברכות השחר מיט א חברותא איז מבטל די מזיקים

ווען די גוים נעמען זיך צוזאם אין זייער קלויסטער, ווערן באשאפן אסאך מזיקים, און ווען די אידן זענען מקפיד צו זאגן ברכות השחר און ענטפערן אויף זיי אמן ווערן בטל אסאך פון זיי ('זכרון טוב' מאמר סיום בטוב אות יב).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'**

איר האט אין די פארגאנגענהייט ציטירט די מפרשים וואס זאגן אז אמן איז געגליכן צו א חתימה. אזוי ווי די חתימה אויפן שטר באשטעטיגט וואס עס שטייט אין דעם, אזוי אויך די אמן באשטעטיגט די ברכה. איך האב געטראכט צו פארגלייכן דאס ענטפערן אמן צו די מלאכה פון 'מכה בפטיש':

די מלאכה פון 'מכה בפטיש', איז א שוואכע קלאפ וואס מיט דעם ווערט די כלי געענדיגט, און ווערט נישט אנגערופן אלס 'מלאכה' אויף זיין אייגענעם חלק, נאר צוליב וואס דורך דעם ווערט די כלי געענדיגט. אזוי אויך די 'אמן' האט נישט קיין משמעות פון איר אייגענעם זייט, אויסער ווען דאס קומט באשטעטיגן א ברכה אדער א בקשה. ענטפערן 'אמן' אויף א ברכה איז די 'מכה בפטיש' מיט וועלכע די ברכה ווערט פארענדיגט, און אזוי ווי א קלאפ מיט א האמער האט א חשיבות ווען עס ענדיגט די כלי, אזוי איז 'אמן', כאטש דאס איז א קליינע ווארט. האט עס א חשיבות ווען דורך דעם ווערט געענדיגט די ברכה.

דערביי דארפן מיר אויך גדענקען, אז ענטפערן אמן איז אויך די 'פטיש' וואס איז 'מכה' אויף די טויערן פון גן-עדן און עפנט פאר אונז די טויערן פון ברכות און ישועות אזוי ווי די צוזאג פון די חכמים.

בברכה שלימה

**מ.ר. - לעיקוואוד ניו דזשערזי**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


די קבר פון רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זצוק"ל

### רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג
### א' אייר תקל"ח

רבי שמואל שמעלקא הלוי הורוויץ איז געבוירן געווארן אין יאר תפ"ו אין טשארטקוב צו זיין פאטער רבי צבי הירש, וועלכער איז אין יענעם יאר אויפגענומען געווארן אלס רב פון דער שטאט. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט ביי זיין טאטן, און האט געלערנט תורה בייטאג און ביינאכט צוזאמען מיט זיין ברודער רבי פנחס בעל 'הפלאה'. שפעטער איז ער געפארן צוזאמען מיט זיין ברודער צום הייליגן מגיד פון מעזריטש און זיי זענען פאררעכנט צווישן זיינע גרויסע תלמידים.

יונגערהייט איז ער אויסדערוועלט געווארן צו דינען אלס רב פון דער שטאט ריטשוואל אין פולין, וואו ער האט אויך געגרינדעט א גרויסע ישיבה, צו וועלכער אסאך גדולי התורה זענען געקומען. נאך ארום צען יאר האט ער איבערגענומען דאס רבנות פון שטאט שינאווא , און אין יאר תקל"ג איז ער אריבער צו דינען אלס רב אין ניקלשבורג, דאס איז די שטאט מיקאלאוו [היינט טשעכיי].

אין ניקלשבורג האט ער געגרינדעט זיין באקאנטע ישיבה, וואו עס זענען אויפגעוואקסן אסאך פון די גדולי ומאורי התורה והחסידות.

אין א' אייר תקל"ח איז זיין נשמה ארויף מיט א מיתת נשיקה זיצנדיג אויף זיין שטוהל, ווען ער איז אלט צוויי און פופציג יאר, און איז באערדיגט געווארן אויפצומארגנ'ס אין זיין שטאט ניקלשבורג. זיין דברי תורה זענען געדרוקט אין זיינע ספרי 'אמרי שמואל', 'דברי שמואל' א.נ..

### אמן אויף יעדע ברכה

הארט צו זיין פטירה האט ער דערציילט אויף זיך אז ער האט מקפיד געווען א גאנץ לעבן צו זאגן יעדע ברכה, נאר ווען איינער וואס ענטפערט אמן איז נעבן אים. און האט ערקלערט אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון זאגן די ברכה, ווערט נשלם נאר מיטן ענטפערן אמן נאך די ברכה ('אהל יצחק' עמ' 70).

### אמן און ברכה אין די 'הנהגות היום'

דער סדר הנהגות היום וואס דער ר"ר שמעלקא האט איבערגעלאזט, איז געדרוקט געווארן אין אסאך מהדורות. אין די הנהגות איז פארהאן א ברייטע באציאונג צו די ענינים פון עבודה שבלב, דא זענען דריי הנהגות וואס ער האט געשריבן:

**א.** "דאווענען אין א סידור און אין הייליגע פלאץ און דווקא מיט א מנין" (אות ד).

**ב.** "זאגן אמן אויף יעדע ברכה וואס מען הערט. אפילו פון א קליין קינד" (אות ו).

**ג.** "זאגן ברכת הנהנין מיט כוונה אויף יעדע זאך כדי ער זאל נישט הנאה האבן פון העולם הזה אן קיין ברכה, נאר ער זאל געבן פאר ה' זיין טייל דורך זאגן די ברכה בכוונה בעפאר ער האט הנאה פון עולם הזה, אזוי אויך זאגן א ברכה אחרונה בכוונה אויף יעדע זאך" (אות ט).